STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11179

SHTIMUNG-LIDER

David Wilkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטימונג־לידער

מיט פֿרײַנטשאַפֿט

צו [illegible]

[illegible]

[illegible]

דוד ווילקין

(ריגע / קייפּטאָן)

שטימונג־
לידער

ליריק

ווידמונגען

איבערזעצונגען

1

ארויסגעבער:

דרום אַפריקאַנער

יידישע קולטור־פעדעראַציע,

קייפּטאַנער אָפּטיילונג.

1975.

DAVID WILKIN
(RIGA / CAPE TOWN)

SELECTED POEMS AND TRANSLATIONS

FROM THE WORKS OF
HEBREW, ITALIAN AND RUSSIAN POETS

AUTHOR'S ADDRESS:
P.O. BOX 4213,
CAPE TOWN, 8000,
SOUTH AFRICA.

Published by:
S.A. YIDDISH CULTURAL FEDERATION,
CAPE TOWN BRANCH,
1975.

פאַר די צאַרטע נשמות פון מיינע עלטערן

י ק ו ת י א ל ב ר׳ י ה ו ד ה

ח י ה ב ת ר׳ ב ן־צ י ו ן

און מיין ברודער

ז ל מ ן

עליהם השלום —

אַ ל י כ ט ע ל ע . . .

איך וויל אויסדריקן מיין ביז גאָר טיפע אָנערקענונג צו מיין ליבער פרוי און לעבנס־באַגלייטערין א ס ת ר ׳ ל, אונדזערע טייערע קינדער — דעם זון י ק ו ת י א ל (סיריל) און שנור י ו כ ב ד (דזשאָי), דער טאָכטער ש ו ל מ י ת (זעלמאַ) און איידים ג ר ש ו ן (גרעגאָרי), אָן וועמעס דערמוטיקונג און מאָראַלישער אונטערשטיצונג וואָלט די זאַמלונג לידער קיינמאָל ניט דערזען די ליכטיקע שיין.

דאַנק־זאָגונג

אַ טיפן דאַנק די חברים פון דעם קייפּטאָנער עקזעקוטיוו פון דער „דרום־אפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע״ פאַרן ארויסגעבן די באַשיידענע זאַמלונג לידער אין בוך פאַרעם; דאָס איז ניט נאָר אַ כבוד פאַר מיר פערזענלעך, נאָר אויך אַ דענקמאָל פאַר דער פאַרצווייגטער קולטור־טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע.

אַ יישר־כוח דעם רעדאַקטאָר און גוט־באַקאַנטן זשורנאַליסט זלמן לעווי, וועמעס רעדאַקטאָרישע און טעכנישע הילף איז גאָר שטאַרק צונוץ געקומען.

און אחרון אחרון — אַ דאַנק מיינע גוטע פריינד, נ. בערגער, קאָלעגע שרייבער און דירעקטאָר פון „פּאַסיפיק פרעס״ און דעם בחור־הזעצער אייבי קראַסנאָווסקי, פאַר אַ פיין ארבעט.

די איבערזעצונגען זיינען צום מערסטן פרייע. צוליב שפּראַכן־איינגנאַרטיקייטן איז אוממעגלעך איבערצוגעבן דיכטערישע שילדערונג בוכשטעבלעך, דעריבער זיינען די איבערזעצונגען, אין בילדערישן אויסדרוק, ערטערווייז אַן אָפּנייגונג פון אָריגינאַל. וואָס שייך דער טעכנישער פאָרעם, האָב איך זיך געהאַלטן ווי ווייט מעגלעך נאָענט צום אָריגינאַל — די ריטמישע אקצענטירונג און די צאָל זילבן אין די שורות זיינען דאָס רוב אידענטיש.

אינהאַלט

	זייט
ליבע	15
ליבע	16
אין טיפער נאַכט...	17
צו מיין יינגלס בר־מצווה	18—20
שולמית	21—22
צויבער	23—24
נאָסטאַלגיע	25—28
זון־פאַרגיין ביים ים־ברעג	29—30
בטחון	31—32
נצחון	33—34
אייביקייט	35—36
אייביקייט (2)	37—38
מעריב	39—40
טאָג פון געבוירן	41—42
דער שפיגל	43—45
די זון פאַרגייט...	46—47
פאַראַן אין דיין פריינדשאַפט...	48—49
ניין, ניט פאַר מיר	50—51
עס שלעפט זיך אַ טאָג...	52—53
ווייל איז אייך, ביימער...	54—55
חשבון הנפש	56—60
פאַרויס געשפאַנט...	61—62
ס'וועט קומען די רגע...	63—65
פרילינגען בליענדע...	66—67
וווהין?	68—69
האַרבסטיקער אָוונט	70—71
פריינדשאַפט	72—73
תפילה	74—76
ירושלים	77—78

זייט

עס פרילינגט — 79—80

אָדע צו אַ חלוץ — 81—82

די שיינהייט און דער בעטלער — 83—85

אין ווייטן בליץ... — 89—90

דעם דיכטער דוד אָפּאַלאָוו — 91—92

סאָנעט — 93—94

יובילאַר — 99—101

אַ פאַסיקל ערד... — 105—106

און זי פלעגט מיר זאָגן... — 109—111

אַ ווונטש — 115

געווידמעט דעם דיכטער ק. באלמאָנט — 116

ווי איר, בלויע שטערן — 117—118

אַנטוישונג — 121—122

געחלומט — 125—126

Exegi Monumentum — 129—132

סטאַלינ׳ס יורשים — 135—141

ל י ר י ק

אומעט און פרייד

ל י ב ע

פון רויזן וועל איך
אויספלעכטן אַ קראַנץ
און דיר עס אָנטאָן
פאַרן חופה־טאַנץ,
ווען שטערן וועלן פינקלען
אין דיין אויגן־גלאַנץ.

און ווען דער רינג
וועט אונדזער בונד פאַרקניפּן,
וועל איך באַרירן
דיינע צאַרטע ליפּן —
דעם האָניק פון אַ
פרישן בלומען־פלאַנץ.

אין הימל קרייזן
טויזנט בלאַנקע זונען,
מיט שיין און גינגאָלד
איז די וועלט צערונען, —
נאָר ליכטיקער פון זיי
איז דיין צעשטראַלטער בליק!
— — — — — — — —
געאָרעמט גייען מיר פאָרויס
צו פרייד און גליק.

גערדרוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג״,
יאָהאַנעסבורג.

ל י ב ע

אַ מתנה אסתר׳ן.

.1

איך בין פאַרליבט...
ס׳האָט מיר פאַרכישופט
דער געשלאַנק
פון דיינע גלידער;
ס׳האָט מיר פאַרשיכורט
פון דיין
צאַרטן לייב —
דער אַראָמאַט...

איך טרינק,
אַ דורשטיקער,
די זיסע שטראָמען
פון דיין ליבע
די צעגליטע...
— — — —
טאָ,
האַלדז מיר,
טייערינקע
נאָך אַ מאָל
און ווידער!

אין טיפער נאַכט...

.2

אין טיפער נאַכט,
ווען ס'פינקלען שטיפעריש
די בלישטשענדיקע שטערן,
און ס'זינגט לבנה־שיין
אַ וויג־ליד
פאַר דער
דרעמלדיקער וועלט, —

צעשפרייט
די פליגלען אירע
שלווה
אויפן שוועל
צו מיין געצעלט, —

און הערצער זינגען,
פלאַטערן —
צעוואַרעמט
און צעהעלט...

צו מיין יינגלס בר־מצווה

(סעפּטעמבער, 1957)

איך שטוין און גאַף —
ווי גיך די טעג פאַרשווינדן...
געוועזן, דוכט זיך,
אַקערשט וואָס אַ פּיצל קינד
און זע —
אַט ביסטו שוין
אַ צענטער צו אַ מנין!

אַוועק,
אַוועק די קינדער־יאָרן
מיטן ווינט...

כ׳געדענק, כ׳געדענק
מיין אייגענע בר־מצווה,
דער מאַמעס טרער,
איר שטאָלץ,
דעם טאַטנס שטילע פרייד...
זכרונות הייליקע!
זיי לייטערן, זיי שטיצן,
זיי היילן וווּנדן
פון דער שווערער
לעבנסקייט.

כ׳געדענק —
געקעמפט פאַר יושר
און פאַר שלום;
געהאָפט און געכט געוואַכט —
געוואַרט אויפן קאַיאַר;
אין ליכט פון טאָג
צערינט דער שענסטער חלום,
און הילפלאָז פלאַטערט
זיינע פליגלען
גראָער וואַר...

מיין קינד,
מיין טייערער בן־יחיד,
פאַרגעס אַצינדער
וואָס איז חול און וואָכיק:
ס׳איז יום־טוב היינט —
עס וואַקסט אַ נייער גליד
אין שטאַם פון פאָלק:
עס קומט אונדז צו אַ ייד!

און צו די דברות צען,
וואָס משה — אונדזער לערער
האָט אונדז באַצוואונגען
נאָכן וואַנדערן דורך זאַמד,

ווייל איך דיר צוגעבן
פון מיין דערפאַרונג שווערער
געדאַנקען עטלעכע,
וואָס גייען
האַנט־אין־האַנט :

שאַץ גרינג
די ליבע פון פריינד —
ס'איז פאַלש און איבערטריבן ;
ניט שרעק זיך
פאַר אַ בייטש
און בוק זיך נישט
פאַר געלט...

ווו זיינען שלמה'ס
אוצרות און עשירות ?
די מאַכט פון קרעזוס
און נאַפּאָליאָנס שווערד ?
און ס'קלינגען עד היום נאָך
דוד'ס זיסע זמירות..
— — — — — — — —
אַ ציטער פון דער ערד
קען שפאַלטן פיראַמידן,
נאָר גייסט איז דויערהאַפט
און אייביק, ווי די וועלט !

גערדוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג",
יאָהאַנעסבורג.

שולמית

שולמית, אונדזער מיידעלע,
איז קנאַפּע זיבן יאָר,
זי האָט אַ רונדן פּנימל
און גאָלדיק־ברוינע האָר,
און בעקעלעך — צוויי עפּעלעך,
און ציינדעלעך, ווי שניי,
באַשיינען אירע ליפּעלעך —
די רויזן — בלומען צוויי.

אָ, טעכטערל — מיזינקעלע —
ניט וויכטיק ווי דו הייסט ! —
דו ביסט מיר
אין די שווערע טעג
אַ נחת און אַ טרייסט,

ווען נאָך פּרנסה יאָג איך זיך...
צעטומלט און באַרוישט,
ווען כ׳קום אַהיים פאַרהאָרעוועט,
צעטראָגן און אנטוישט,

ווען ס׳עקבערט מיר
אין מוח
און די האַרץ איז
מיר פאַרקלעמט,
ווען כ׳פיל
אַז
ס׳זינקט
די סטעליע
און עס שפּאַלטן
זיך די ווענט,
ווען, ווי אַ ווונד,
וואָס בלוטיקט נאָך,
די פראַגע פלאָגט און ברענט:

זיך בוקן פאַרן גורל
און — פאַרשווייגן
עוולות גדולות
מיט
אַראָפּגעלאָזטע
הענט ?!

צויבער

פאַראַן אַ צויבער אין
דעם שטילן זון־פאַרגאַנג,
אַ כישוף — אין דעם קנויל
פון רויטן טרויער;
געטריל פון פויגלשן
פאַרנאַכטיקן געזאַנג
פאַרפלייצט די ברוסט
מיט בענקשאַפט און באַדויער.

פאַראַן אַ צויבער אין דער
פינצטער פון דער נאַכט,
אַ כישוף — אין די
פינקלדיקע שטערן;
דער הימל — בלויער זייד —
מיט טויזנט אויגן וואַכט
דעם זכות פאַר אייביקייט
ביים בורא צו באַווערן...

פאַראַן אַ צויבער אין
דעם לויטערן קאַיאָר,
אַ כישוף — אין דעם
ליכטיקן באַגינען;

עס שאַלט אַן אָנזאָג, וואָס דאַרף
גײן פֿון דור צו דור:
זאָלסט אײביק האָפֿן
און חלומות שפּינען!

פֿאַראַן אַ צויבער אין דעם
רויש פֿון וואַסערפֿאַל,
אַ כּישוף — אין זײן
פּליעסקען און זײן זשומען;
עס זינגט דער שטראָם —
איך בין אַ לעבנסקוואַל,
ס׳וועט וואַקסן גראָז
און ס׳וועלן דופֿטן בלומען!

פֿאַראַן אַ צויבער אין דער
ליבע פֿון אַ פֿרוי,
אַ כּישוף — אין איר
סודות׳פֿולן שמײכל;
איר אויגנגלאַנץ —
דאָס שפּיגלט זיך
אין פֿרישן טוי
אַ זונען־שטראַל,
אַ וואַרעמער, אַ װײכער...

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפֿריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

נאָסטאַלגיע

(געווידמעט אַ יוגנט־פריינד)

ווו זיינען זיי,
די הערלעכע מאָמענטן,
די חברישקייט
וואַרעמע ביז גאָר,
ווען אידעאַל געשפּאַנט
האָט קאָנטינענטן
און — אַלט זיינען
געווען מיר זיבצן יאָר?

ווו זייט איר,
אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן —
די שקיעה־שעה
אין פרישן זומער צוויט,
ווען שווייגנדיק,
פון זון־פאַרגיין פאַרבלענדטע,
שפּאַצירן פלעגן
גיין מיר,
טריט ביי טריט...

געדענקסט די הויכע
שלאַנקע סאָסנע־ביימער,
דעם וואַלד,
וואָס האָט געקרייזט
דעם ריגער שטראַנד ?
ווי שפּאַנענד
איז געווען
זיין שטילקייט
די געהיימע,
ווען מיר פלעגן
דאָרט טרוימען
זאַלבענאַנד...

כ׳דערמאָן זיך אין די
שטורמישע דעבאַטן,
ווען יונגוואַרג פלעגט זיך טרעפן
אין די ווינטער נעכט ;
די אייביק־ניי פּראָבלעם,
וואָס האָט אונדז דאַן געמאַטערט :
פאַר אונדזער גורל — וואָס איז גוט,
און ווער און וואָס איז שלעכט ?

ווער האָלט די שליסל
צו דעם
ערדישן גן־עדן:
דער בעל־שם־טוב
צי „דאָס קאַפּיטאַל״?
דערהייבן איינעם,
צי פֿאַרדאַמעןביידן?
און האָט ווער
ערגעצוואו
אַ פֿרישן אידעאַל?

ווו זיינען זיי,
די הערלעכע געפילן,
דער אויפריכטיקער
ערנסטער געדאַנק,
די פריינדשאַפט
איבערגעבענע
און שטילע,
פון תכלית ווען
געשמועסט האָט מען
פריי און פראַנק...

אָ, וויפיל פרייד וואָלט איך
אַצינד אַוועקגעגעבן
בלויז פאַר אַ שאָטן
פון דעם גייסטיקן גענוס,
וואָס האָט פאַרשאַפט
אָט יענע שטאַפּל
אין מיין לעבן,
אין וועלכן ס'האָט געשפּראָצט
אַ יונגער ראָזן־קוסט!

אָ, יוגנטלעכע
צאַרטע סענטימענטן,
ווי טייער איז מיר אייער
אָנדענק און ווי נאָנט!
אַוועק אויף אייביק
זייט איר
פון מיין האָריזאָנט...
— — — — — —
ווו זיינען זיי,
די הערלעכע מאָמענטן?

זון־פאַרגיין ביים ים־ברעג

ס׳איז בין־השמשות —
ס׳אַראַ שיינקייט,
ס׳אַראַ טרויער...
די זון —
אַ פייער־קנויל —
זי טוליעט זיך צום האָריזאָנט.

שווימט אויף אין דמיון
וואָס געוועזן ליב און נאָנט,
נאָר אַן פאַרביטערונג,
אַן כעס, אַן באַדויער...

דער לאַנגער טאָג איז מיד
און קוים־קוים
וואָס ער שלעפּט זיך;
איז גרייט שוין אויסשטרעקן
אַ האַנט דער יונגער נאַכט.

אַ שקיעה־פונק
פאַרקניפּט אַ פעדים,
און עס וועבט זיך
אַ חלום...

בלייב איך שטיין,
צעטומלט און פאַרטראַכט.

עס מורמלט שטיל דער ים
און שפּריצט מיט שוימיק וואַסער ;
די בערג אַרום —
אַ סודות׳פולער סילועט...

און פּלוצים פיל איך —
עס ווערט לייכטער אויפן האַרצן
אויך דעם פאַר׳חלום׳טן
און איינזאַמען פאָעט —

ווייל :
זאָל די שקיעה זיין
ווי בלוטיק־צונטער,
אַן אָפּשיין ראָזלעכער
באַפאַרבט דעם הימל־בלוי...

איך הער — זי שעפּטשעט :
„ניט געשרעקט זיך,
כ׳גיי ניט אונטער —
כ׳וועל מאָרגן
ווידער פינקלען
אין דעם פרישן טוי !"

גערדרוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג",
יאָהאַנעסבורג.

בטחון

אזוי איז געווען —
און אזוי וועט עס בלייבן ?
דער אביון וועט קרעכצן,
דער נגיד וועט טרייבן,
און יוגנט,
פון יושר געפילן באַרוישט,
וועט קעמפן און שטרעבן
און — פאַלן, אַנטוישט ?

נאָך קלינגען די טענער
פון העלדישע קלאַנגען...
ווי זיס איז דער חלום,
וואָס לאָזט זיך ניט פאַנגען ;
ער צערטלט און רייצט
מיט פאַרנעפּלטער פּראַכט
און זינקט, ווי די שקיעה,
אין גרויען פאַרנאַכט...

אָ, לאַנג איז דער וועג נאָך
און שטעכיק דער דאָרן...
ווו נעמט מען די כחות,
ווו נעמט מען די יאָרן ?

מען בלאָנדזשעט און בלאָנקעט
אין פּיין און אין שרעק, —
ווען קומט שוין אַ סוף
צו די פינצטערע טעג ?
צי דען וועט מען תמיד
אונדז טרייבן און רויבן ?

ניין !
ס׳טליען נאָך פונקן
פון האָפנונג און גלויבן,
ס׳וועט קומען, און באַלד, —
אפשר מאָרגן, ווער ווייסט ? —
אַ טויב פון דער ווייטנס
און ברענגען די טרייסט...

טאָ זאָל אונדז ניט שרעקן
דאָס פלאָגן און רויבן !
הערסט ? ס׳פלאַטערן מחנות
פון שניי־ווייסע טויבן,
און הימלען אין יונגן קאַיאָר
זיינען צאַרט,
און ס׳זינגען די שטראַלן :
האָף גלויביק און וואַרט !

גערדרוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג“,
יאָהאַנעסבורג.

נ צ ח ו ן

...שרייען סירענעס
און ס׳דונערן
קאַמפּס־עראָפּלאַנען —
קנאַלן האַרמאַטן
און ס׳נידערן שונאים
אין פלאַמען ;
העלדישע זעלנער —
דער שטאָלץ פון ישראל׳ס מדינה —
קעמפן, ווי לייבן,
אין גרויליקן שלאַכט
און געווינען !

פון קיבוץ, פון קראָם
און פון וואַרשטאַט,
פון דרום און צפון,
פון לוד, תל־אביב
און פון חיפה,
אילת און חברון, —

מענער און פרויען,
מיט פעסטקייט אין האַרצן
באַוואָפנט,
הייבן אַנטקעגן דעם שונא
די בלאָ־ווייסע פאָן.

דאָרט, ווו דערלייזער און
וועג־ווייזער משה רבינו,
פון רוח הקדוש
געקריצטע אויף שטיינער,
הייליקע דברות געגעבן
און וואַנדערן ווייטער באַשוואָרן —
אויף מזרח,
צו ארץ כנען,

דרייסט
און אַנטשלאָסן,
מיט פאָלק
אין בטחון פאַראייניקט,
יידישן כבוד
פאַרטיידיקט האָט
גאָלדע, שרון און דיין!

געדרוקט אין זשורנאַל „יום־טוב בלעטער“,
יאָהאַנעסבורג.

א ײ ב י ק ײ ט

אַ מתנה דעם לעקטאָר און זשורנאַליסט שמואל ראָזשאַנסקי.

1.

איך בין געלאָפן
פון דער טומלדיקער שטאָט
אַראָפּוואַרפן פון זיך
דעם באַרג מיט קומער,
אַן אָפּרו זוכן
צווישן גראָז און בלומען, —
דער ווײַכער מאָך
פאַרטײַען זאָל
מײַן טראָט:

און כ׳האָב דעם סוד
פון אײביקייט באַנומען,
ווען פּלוצים האָט פאַר מיר
אַנטפּלעקט זיך —
גאָט!

ס׳האָט ניט געטומלט,
ניט גע׳רעש׳ט,
ניט געליאַרעמט ;
אין הימל ניט געמערקט
האָט זיך קיין שפּאַלט,
כ׳האָב ניט דערזען
קיין אויסטערליש געשטאַלט,
און ניט געברענט
דערביי
האָט בוים אין
פייער קאַלטן...
— — — — — — —
נאָר פּלוצים איז אין ברוסט
געוואָרן גליאיק־וואַרעם,
און כ׳האָב
אין האַרצן —
פרייד פון רו
באַהאַלטן.

א י י ב י ק י י ט

אַ מתנה דעם צאַרטן דיכטער — מיכאל בן־משה.

.2

איך וועל אויסגיין
ווען די זון וועט זיך פאַרלעשן,
כ׳וועל גלויבן אין אַ נס —
ווי לאַנג זי ברענט...
אָ, זון, —
געמיש פון גאָלד
און בלאַנקע מעשן, —
שפּריץ פייער אין מיין בלוט
און שטאַרק די הענט!

אַנטשוויגן וועל איך ווערן,
ווען די לירע
וועט אויסשפּילן
איר לעצטע
זילבער־קלאַנגען...

ווי לאַנג מײַן האַרץ
צעגיסט זיך
אין געזאַנגען,
וועל איך צום בורא עולם
זינגען שירה.

און אייביק וועל איך
דיך — מײַן אויסדערוויילטע, —
ליבן
מיט יעדן האַרצקלאַפּ
און יעדן אָטעמצי:
ס׳איז ערגעץ —
אין דער אייביקייט —
פאַרשריבן:
מיר זײַנען די באַשערטע
„ער״ און „זי״.

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

מ ע ר י ב

דעם טייערן פריינד חזן דוד באַגלי — אַ מתנה.

די זון פאַרגייט
אין אָוונט פון מיין לעבן,
און ס׳קוקט שוין אויס,
אז נאָענט איז די נאַכט.

דער דמיון שפינט
נאָסטאַלגישע געוועבן
פון חלום, וואָס איך האָב
אַ מאָל פאַרטראַכט...

די אָוונט־שעה —
פאַרנאַכטיקע געזאַנגען —
זכרונות פון עקשנות
און געראַנגלען,

ווען ס׳האָט געפלאַקערט
יוגנטלעכער ברען
מיט פרייד פון זיג
און —
צאַרנדיק אין קלעם...

און ס׳טליעט נאָך
אין טיפעניש דער גלויבן,
אז קומען וועט
די אויסגעבענקטע צייט,

ווען לייב און שעפּס,
ווען רויבפייגל און טויבן
בשלום וועלן רוען
זייט ביי זייט, —

ווען מענטש וועט
אין זיין מיט־מענטשן
אַ פריינד דערקענען,
און
קנאה־שנאה וועט
פאַרשווינדן פון דער ערד;
אויף אַקער־אייזנס
וועט מען איבערשמידן שווערד,

און מענטש וועט גאָט,
דעם קוואַל פון אייביקייט,
באַנעמען!

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

טאָג פון געבוירן

די דאַטע הײנטיקע
זי האָט נישט אירס אַ גלײכן
צו אַלע טעג פון יאָר
אין לעבן פון פּאָעט, —
טאָ װילט זיך מיר די שעה
באַפּוצן, מאַכן רײכער,
זיך צוטראָגן
פון װערטער־בלומען אַ בוקעט.

די דאַטע הײנט — דאָס איז
דער טאָג פון מײן געבוירן,
און נאָך אַ בלאַט פאַלט אָפּ
פון לעבנס־קאַלענדאַר, —
כ׳האָב נאָך אַ קאָן אין שפּיל
מיט אײביקײט פאַרלאָרן, —
אַ יאָר פון פרײדן קלײניקע
און ימען צער...

דער בורא עולם, װאָס האָט מיר
געשענקט דאָס לעבן,
אַפּנים קאַרג געװען —
פאַרטײלט מיר קנאַפּ טאַלאַנט:

כ׳האָב ווייניק ווערטפּולעס
דער וועלט צוריק געגעבן —
ניט הויך גענוג געוואָגט
האָט מיין באַשיידן האַנט...

נאָר ווער זשע מעסט דעם
דיכטער׳ס לעבנסגאַנג מיט יאָרן ?
באַפליגלט־יונג פאַרבלייבט
זיין שפּרודלדיקער גייסט,
אין שאַפערישן ווי
באַנייט זיך זיין געבוירן,
אין כישוף פונעם
דיכטערישן בלי — פאַרקרייזט.

אַ סך געטראַכט האָב איך,
נאָר ווייניק, אָ, פאַרשריבן ;
די צייט איז קורץ געווען
אין דעם געיעג פון טעג, —
דער נעכטן איז העט־העט
שוין ווייט, גאָר ווייט אַוועק,
און וויפיל מאָרגנס
זיינען מיר פאַרבליבן ?

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

דער שפּיגל

דער שפּיגל האָט מיר
היינט דערשראָקן:
איך האָב דערזען
אַ גרויען האָר,
און כ׳הער —
עס שרייען
טויזנט גלאָקן:
„ווערסט אַלט,
ווערסט אַלט!״,
אין ווילדן כאָר.

די יוגנט ברויזט
מיט קנאַל און בליצן;
איז עלטער
בלויז אַ גרויער קאָפּ?

אַוווּ זשע
לויערט די מחיצה
פון שטייג־ארויף
און
באַרג
אַראָפּ?

די יוגנט שפּאַנט
דעם שטורעם קעגן
די ברוסט אנטבלויזט,
מיט פעסטן גאַנג
אין גלייכע און
און אין קרומע וועגן,
אַ תּיקון
זוכן
פאַר איר דראַנג...

איך קוק פאָרויס
און
שטיי פאַרציטערט —
דער ציל פון לעבן
איז נאָך ווייט...
איך בליק צוריק
און
בלייב דערשיטערט —
ווי קורץ דער וועג,
ווי לאַנג די צייט!

וואָס זיינען מיינע לעבנס־צילן ?
איך וויל נאָר בלויז,
אז צו דער וועלט
זאָלן דערגיין
די שטילע תפילות
פון מיין באַשיידענעם געצעלט.

אָ, ניט פאַר זיך
בין איך מתפלל,
און ניט פאַר אייגן
ווייב און קינד,
ווען טאָג און נאַכט
קרבנות פאַלן
און ס'גיסט זיך בלוט
פאַר פרעמדע זינד...

אָ, גאָט,
האַלט אָפּ די שאַרפע פיילן,
שוין איבערפולט מיט פיין דער כוס !
— — — — — — —
און כ'פרעג די אַלטע, אַלטע שאלה :
פאַרוואָס, אָ גאָטעניו, פאַרוואָס ?

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע",
יאָהאַנעסבורג.

די זון פֿאַרגייט...

די זון פֿאַרגייט.
דער ערשטער שטערן
האָט שוין אַ צונד געטאָן
זיין בלויען צויבער־שטראַל.
אַוועק אַ טאָג —
די ליד פֿון פרייד און טרערן
איז אויסגעשפּילט —
דאָס קלינגט
דער לעצטער שאַל.

די זון פֿאַרגייט —
ס'איז אויסגעשעפּט איר כּוח, —
און אומגעדולדיק
וואַרט שוין אויפֿן שוועל
די יונגע נאַכט
פֿאַרשלייערן די וועלט
אין כּישוף פֿון איר פּראַכט,
באַהערשן גרויס און קליין
מיט סודות־פֿולן חן...

נאָר אומרו צופּט דאָס האַרץ
און צאַפּלט זיך אין מוח —
בלייב וואַך !

ניט טרויען זאָלסטו
אַט די שוואַרצע נאַכט,
ווען אויגן פאַלשע
לויערן אויף דיר
ביי יעדן טויער...
— — — — — —
פאַררויטלט האָבן זיך
אין הימל טיפע שאָטנס —
ס׳האָט מענטשנס זינד
די געטלעכקייט פאַרשעמט ;
אין גאָלד פאַרשמוציקטע
אַ הייליקייט צעטראָטן !

און ס׳וויינט מיין האַרץ,
פאַר׳דאגה׳ט און צעקלעמט...

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

פאַראַן אין דיין פריינדשאַפט...

פאַראַן אין דיין פריינדשאַפט
אַ קוואַל פון באַגייסטערטע ליבע,
איז טרוי איך דיין ערלעכן רוף,
דיין געזאַנג און דיין בליק;
דו האָסט מיט דיין פרייד
מיינע שוואַרצע מחשבות פאַרטריבן,
געבראַכט צו מיין האַרצן
דעם פייער פון יוגנט צוריק.

ווי שטאַרק איז דיין הייסער ארומנעם
און זאַפטיק — די קושן!
אַ פויגל־געטריל איז דיין צאַרטע
און איידעלע שפּראַך;
דו וועקסט און דו רייצט
מיינע מידע, פאַרשלאָפענע חושים —
אַ ליד,
וועלכע זינגט פון אַ וועלט
פון עקסטאַזן און פראַכט...

נאָר אַט טוט אַן עקבער אַ ספק
אין מיינע געדאַנקען,
און ווו נאָר
ס׳פאַרבלאַנדזשעט מיין בליק,
זע איך פאַלשקייט און פיין, —
אפילו די זון וועט כסדר
ניט בלענדן און בלאַנקען :
דער יעשענער ווינט
וועט פאַרטרייבן
איר ליכטיקע שיין !
— — — — — —
אַ, ריין איז דיין
אומשולדיק האַרץ,
נאָר דער שטן — ער לויערט :
ער וועט דיר פאַרטונקלען דעם גלאַנץ
פון דעם הערלעכסטן טאָג...

די זוים פון דיין ליבע
וועט בלייבן פאַרגליווערט,
פאַרמויערט אין אייזערנעם קלעם
פון אַנטוישונג, פאַרצווייפלונג און פּלאָג.

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

ניין, ניט פאַר מיר...

די שענסטע ליד
דאַרף דער פּאָעט ערשט זינגען,
דער בעסטער אָנזאָג
וועט ערשט אָנקלאַפּן אין טיר; —
נאָר ניט פאַר מיר
וועלן די טענער קלינגען,
ניין, ניט פאַר מיר...

דעם שענסטן מוסטער
וועט אַ גראַווירער ערשט קריצן,
דער מאָלער וועט אַ פּראַכט
נאָך שאַפן אין קאָליר, —
נאָר ניט פאַר מיר
וועלן די פאַרבן בליצן,
ניין, ניט פאַר מיר...

דעם טיפסטן רעיון
דאַרף אַ חכם ערשט אַנטפּלעקן,
און שאַפן סינטעז
פון השגה און באַריר, —
נאָר ניט אין מיר
ווער דאָס מחשבות וועקן,
ניין, ניט אין מיר...

די מוזע, —
פון איר וווּנדער־שיינעם היכל, —
וועט מיר פאַרבייגיין,
ווען זי גייט אויף אַ שפּאַציר, —
נאָר ניט צו מיר
וועט פּנים אירער שמייכלען,
ניין, ניט צו מיר...

עס שלעפּט זיך אַ טאָג...

עס שלעפּט זיך אַ טאָג נאָך אַ טאָג
איבער שטויביקע וועגן,
ווי קעמלען האָרבאַטע אין שליאַך
פון אַ לאַסט־קאַראַוואַן
אין זאַמדיקן מדבר
אַנטקעגן דעם זוניקן פלאַם;
טוט נחת אַ שפּריץ,
ווען ניט ווען,
ווי מיט טראָפּנס פון רעגן,
נאָר ליידן און צרות —
זיי גרונטיקן טיפער פון ים...

בויט עמעץ אַ שלאָס אין דער לופטן
צעחלומט פון גליקן,
פאַרטרויט זיך אין וואָרט פון אַ פרוי
און אין שמייכל פון פריינד —
אַ צוזאָג, אַ גלעט ווערט אַ האַרץ
אַ פאַרשמאַכטע דערקוויקן,
די שאָטנס די שוואַרצע פאַריאָגן
און ספקות דערשטיקן...
ווער טראַכט וועגן מאָרגן?
מיט ליכט איז צעזוניקט דער היינט!

ווי לאַנג אָבער
וואַרעמט דער ברען
פון דעם זוניקן גליען ?

אָט שלינגט שוין
דער נאַכטיקער שאָטן
די גאָלדענע ליכט —
דעם פלעמל פון האָפן,
וואָס שיינט קוים,
זי טוט שוין פאַרציען...

דער שאָטן
פון נאַכטיקן חושך
איז טיף און געדיכט —
פאַלט צו דער אומעט פון עלנט
שווער,
ווי אַ בלייענע שיכט...

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע“,
יאָהאַנעסבורג.

ווייל איז אייך,ביימער...

ווייל איז אייך, ביימער,
אין ערדישן בוזעם,
פריילינג באַנייט אייך
יאָר־איין און יאָר־אויס!

גרויער ווערט אַלץ
מיין פאַרעלטערטע מוזע —
זעלטענער איז זי
אַ גאַסט
אין מיין הויז...

פאַלן די בלעטער
פון בוים פון מיין לעבן:
עלנטע עדות
פון גלויבן, פון שטרעבן;
בלעטער פאַרוועלקטע,
באַפלעקטע מיט זינד —
ווייקט זיי דער רעגן,
און ס'טרייבט זיי דער ווינט...

גאַטעניו האַרציקער,
טאַטעניו זיסער,
קנאה און שנאה
פאַרבלענדט דיינע שאָף —
גרויס איז נסיון
און ס׳גלוסט זיך
געניסן...

טאָ —
שפּרייט אויס
דיין חסד
און מינדער
די שטראָף!

גערדוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע“,
יאָהאַנעסבורג

חשבון הנפש

1.

אין וויסטן פעלד,
ווו ס׳קרייצן זיך
פֿאַרשטויבטע וועגן,
האָב איך זיך צוגעזעצט, אַ מידער,
אויף אַ שטיין;
געהאָפּט — דעם הייסן גוף
וועט אָפּפרישן אַ רעגן,
צי גאָר אַ ווינטל,
וואָס באַגלייט דעם זון־פאַרגיין.

בין איך געזעסן אַ פאַרמאַטערטער,
צעהיצטער פון בלאָנדזשענען
טאָג־איין, טאָג־אויס און זוכן גאָט.
מיין וואַנדער־שטעקן — טרייער אָנשפּאַר
און באַשיצער פון פּוסטן, קללות
און פון בייזוויליקער שפּאָט —
געלעגן איז צופוסנס
אויף דער נאַכט׳ס באַראָט.

די שקיעה האָט געוואָרפן שאָטנס
שמאָלע, לאַנגע פוןביימער,
אויסגעדאַרט
אין וואַרטן אויף אַ נס, —
פאַרשמאַכט, ווי איך
אין שטענדיקן געראַנגל
מיט ספקות, זיי —
מיט היץ און קעלט
אין לויף פון אַ מעת־לעת.

באַהערשט מיין גייסט האָבן
ניט פריילעכע מחשבות,
און שאלות צוויי האָט
דאָס געוויסן מיר געשטעלט:

ווער האָט צו־נישט געמאַכט
ירושה פון די אָבות,
און
דו אליין,
ווו האָלסטו
אין דער יידיש־וועלט?

.2

איך האָב צו מיין יוגנט
פאַרוואָרפן אַ בריק
אַריבער די צענדליקער יאָרן,
און זוך, ווי מיט ליכט,
אין מיין גאַנג אויף צוריק,
וואָס כ׳האָב אונטערוועגנס פאַרלאָרן.

איך האָף, אַז דער בחור
אויף יענער זייט בריק,
וועט האַרציק מיר אָפּגעבן שלום ;
איך האָף, —
נאָר איך ציטער צו טרעפן זיין בליק —
וויי, וויי, כ׳האָב פאַרראַטן אַ חלום...

אין ספקות פאַרזונקענער
שפּאַן איך און טראַכט :
וועט יוגנט מיר ווערן דערקענען ?
אַ לעבן געזאַמט זיך,
נאָר גאָרנישט באַוואַכט, —
כ׳וועל בייגן מיין קאָפּ, כ׳וועל זיך שעמען.

כ׳געדענק כ׳האָב געשוואָרן —
מיט מוט און מיט כח
פאַר המשך עקשנותדיק קעמפן,
און זע —
פאַר אַ טעפּעלע וואַרעמע יויך
געלאָזן זיך בינדן און פּענטען...

כ׳וועל קניען פאַר איר
און אַנטפּלעקן מיין פּיין —
אָ, גרויס איז געווען דער נסיון,
מען האָט מיר פאַרשיכורט
מיט ביליקן וויין,
מיין פּנים עס פלאַמט פון בזיון...

אומזיסט איז דיין לויפן
צום נעכטיקן ווייט,
זיך שווערן אין פרומע כוונות.
דער נעכטן איז בלויז
אין דיין דמיון, די צייט —
זי גייט זיך פאַרויס
אָן רחמנות.

טאָ בייל ניט די פויסטן,
נאָר שלאָג זיך על חטא:
האָסט מיאוס
פאַרשוועכט אידעאַלן!
מיט גורל געגאַנגען
ביזטו אין געוועט?
פאַרשפּילט האָסט דעם קאָן
און — פאַרפאַלן...

דו זאָגסט —
האָסט צום עבר
פאַרוואָרפן אַ בריק,
און שפּאַנסט אים אַנטקעגן
מיט אימפּעט צוריק?
אומזיסט!
ס'וועט דיר קיינער
ניט אָפּגעבן שלום!
ווײַ, ווײַ, —
האָסט פאַרראַטן אַ חלום...

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע“,
יאָהאַנעסבורג.

פּאָרויס געשפּאַנט...

פּאָרויס
געשפּאַנט מיט פעסטע טריט,
נאָר נישט דערגאַנגען,
ווייל,
ווי מיט צוואַנגען,
געצייגן האָבן מיר צוריק
די שטרויכלונגען
אויף יעדן שריט...

געוואַגט די הייכן,
ווי דעדאַל
דער לעגענדאַרער:
אַדורך די כמאַרעס
פון אין־סוף׳יקן חָלָל,
נאָר פון דער זון
אַ ברענענדיקער שטראַל
פאַרטריקנט האָט
מיין לעבנס־קוואַל...

געשטרעבט
צום ווייטן האָריזאָנט,
צו בלויע ראַנדן,
צום רעגנבויגן
נאָך אַ לאַנגען וואַנדער,
און, דוכט זיך,
גליק געוועזן
אזוי נאָנט!
נאָר
נישט געלאָזט זיך פאַנגען!

געטויכט אין טיף פון אָקעאַן
אַ פערל זוכן,
נאָר ניט דערשוומען...
בלויז טעם פון זאַלץ
געבליבן אויפן גומען...
אָ, קורץ געווען
דער יוגנט־שפאַן
און, ווי אַ בליץ,
אַנטרונען!

געדרוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג",
יאָהאַנעסבורג.

ס׳וועט קומען די רגע...

ס׳וועט קומען די רגע —
מיין האַרץ וועט
דערלאַנגען אַ צאַפּל,
און גלייך וועט
דער שכל פאַרשטיין:
ס׳האָט געשלאָגן די שעה;

באַפרייט, וועט אַ
שוועב טאָן מיין גייסט
צו אַ העכערער שטאַפּל
פון פלאַך,
ווו עס פויזעט דער וואָרעם
און ס׳קראַקעט די קראָ.

אין שוועבן אַהין,
ווו נשמות,
אין אייביקן וואַנדער
פאַרגליווערטע,
קוקן מיט טרויער
און בענקשאַפט אַראָפּ,

מײַן יורש־נשמה,
װעסטו זיך פֿאַרװיטלען
פֿון שאַנדע ?
האָסט אפֿשר געזינדיקט ?
געלעבט ניט מיט האַרץ,
נאָר מיט קאָפּ ?

װי גרױס אױף דער ערד
איז די צאָל פֿון די
מענטשלעכע יאָרן —
געדענקט װער,
װי אָפֿט האָט דער שאָטן
פֿאַרטריבן די שײַן ?

איך גריבל זיך טיף
אין דעם עבר
און פֿאָרש מײַן זכרון :
צי האָב איך װען
עמעץ פֿאַרשאַפֿן
אַ קאַפּעטשקע פּײַן ?

אָ, ווער קאָן געדענקען
אַ היציקן וואָרט
אין אַ חקירה, —
די שטעכיקע שפּיזן
פון פּלוצלונגער
תאווה און גלוסט ?
עקשנות, מחלוקת —
און שפּעטער

אומזיסטע פּאַרדרוס...
ווי הילפלאָז איז מענטש
אין די כוואַליעס
פון לעבנ׳ס האַרמידער...

איז, אויב איך האָב עמעצן
כבוד פוגע געווען, חלילה,
מבזה געווען אַ חבר,
געטאַדלט אַ פריינד, —
טאָ זאָל דאָס מיט רחמים
צו־גוטנס דערמאָנט ווערן היינט :
איך בין זיך מתוודה — חטאתי,
און כ׳בעט מיט עניוות מחילה...

פרילינגען בליענדע...

(עלעגיע)

פרילינגען בליענדע,
זומערן וואַרעמע,
גיך אַ פאַרשווינדט איר,
זאָל גאָט זיך דערבאַרעמען!!

שטופן זיך כמאַרעס —
פון אורצייט פאַרבליבענע
חיות צערייצטע,
פון פחד געטריבענע...

יוגנט פאַרגאַנגענע,
יאָרן פאַרלאָפענע,
שטייען מיר עלנט,
אַנטוישטע, געשטראָפענע;
גליקן געחלומטע,
ליבעס פאַרלאָרענע, —
וואַלגערן ערגעץ זיך
שאָטנס פאַרפראָרענע...

בלומען געפלאַנצט
און מיט האָפנונג צעפלאַקערטער
פלייסיק באַוואַסערט
די בייטן צעאַקערטע.

האָבן די זוימען
פון ערדישער תפיסה
ראַשיק צו פרייהייט
און ליכט זיך געריסן?

וואָרצלען געשלאָגן,
זיך דורשטיק געפלעגן
מיט זאַפטן,
געיוערט פון זון און פון רעגן?

נאַקעטע דערנער
און קראַפּעווע האָריקע, —
דאָס איז דער שכר פאַר
מיין אַרבעט לאַנגיאָריקע!

ערלעך געפראַצעט
מיט שווייסיקן ברעם,
רוקן געבראָכן...
פאַר וואָס און פאַר וועם?

געדרוקט אין דער „אַפריקאַנער א״דישע צייטונג“,
יאָהאַנעסבורג.

וו ו ה י ן?

פאַרזען הייסט —
פאַרשפּילט און פאַרפאַלן,
אַ מענטש האָט נאָר
איינמאָל די ברירה,
טאָ בייל ניט
די פּויסטן צום הימל,
נאָר שלאָג זיך
אין האַרצן על חטא;
און האָסטו
דיין גורל פארמשכונט,
ניט קומען
וועט ער שוין צוריק,
נאָר אייביקע צינזן
וועסט צאָלן
פאַר כלומרשט
געפונענעם גליק...

האָסט אָפּשטאָם פאַרלייקנט —
אין דעם ליגט דיין גרויסע עבירה!
און ס׳טרעפט אויף דער עלטער
מען כאַפּט זיך צום שכל,
איז דאַן שוין — צו שפּעט!

עס לאַקט און עס רייצט
מיט דער צייטיקער פרי
די שלאַנג אין גן־עדן ;
ס׳איז גרינער
און ווייכער
און זיסער
די גראָז
אין דעם שכנישן פעלד —

צומאַל
איז ניט פריילעך
אין אונדזער פאַראַרעמטער
יידיש־געצעלט :
עס בלענדט ניט די אויגן
קיין בליץ־לאַמפּ,
נאָר ס׳גליט
מיט עקשנות, אַנטשיידן,
אַ הייליקער אָנדענק —
דער יאָמער און גרויל
פון אַ חרובער וועלט...

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

האַרבסטיקער אָוונט

שטאָטישער האַרבסטיקער אָוונט
אין נעפּל פאַרוויקלטער:
ברענען אין דרויסן די לאָמפּן
מיט הילפסלאָזער שיין —
אָפּקלאַנגען, שאַרפע און טעמפּע,
פון רעדער פאַרריגלטע
צופּן די סטרונעס פון האַרצן
און וועקן
אַ ניגון פון פּיין...

נאָענטער טוליען זיך הייזער
געבויגן — פאַרציטערטע:
יעשענע פּייכטע טומאַנען
הויכן מיט אומעט און קעלט...

עלנטע מענטשן, פאַרביטערטע,
פון גורל באַ׳עוולטע,
ביילן די פויסטן צום הימל
און —
שילטן אַ גרויזאַמע וועלט.

ווער זשע, אַ ווער זשע,
וועט טרויען
דעם דיקטער׳ס באַשיידענע
ווערטער, וואָס קומען פון האַרצן
באַגייסטערט און עכט —
לידער, וואָס רופן צום בויען
מיט אָנזאָגן פריידיקע:
„זע —
אין די פינצטערע ווייטן
פינקלט ביטחון באַנייטער
אין יושר און רעכט!"
— — — — — — —
שטאָטישער האַרבסטיקער אָוונט, —
כאָטש לאַנג און רחמנות׳דיק
ברענען אין דרויסן לאַמטערנעס
און היטן די נאַכט, —
גליט נאָך אין האַרצן אמונה
אַנטשלאָסן, עקשנות׳דיק:
קומען, ס׳וועט קומען די גאולה,
און הויפּנס פאַרטיילן וועט פולע
דער מאָרגן פון זוניקער פּראַכט!

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע",
יאָהאַנעסבורג.

פרײַנדשאַפט

אַ ביסל צערטלעכקײט,
זאָגט דיכטער יעווטושענקאָ,
דערמוטיקונג, אַ שמייכל,
כאָטש אַ פריינדלעך וואָרט

צומאָל, דעם מענטש פון גייסט,
דאָס צוטראָגן געדענקען, —
וואָלט מען פאַרדרוס און
אויך טראַגעדיעס פאַרשפּאָרט!

דער דיכטער, פילאָזאָף,
דער וויסנשאַפטלער, קעמפער, —
דער שוונק פון דמיון
טראָגט זיי צו
די שפּיץ פון בערג:

מען פאָרשט
די סודות פון באַשאַף
מען זוכט אַן ענטפער,
אַ רמז
אויף דעם בורא׳ס
וווּנדערלעכע ווערק.

ס'איז איינזאַם האָרץ פון מענטש,
זאָל זיין ווי גרויס דער שכל
פון מאַן ביים מיקראָסקאָפּ,
פון אינטערפּלאַנעטאַר, —
עס גאַרט פאַרשטענדיקונג
און פריינדשאַפט —
צו פאַרבלייכן
די שפּאַנונג פון זיין גייסט
אין פרייד,
און אויך — אין צער...

אָ,
זאָל די קופּער־גאָלד פון זון
און בלוי פון הימל —
זיין בלויז אילוזיע
פון אויג און אטמאָספער, —
ס'איז זיס די פרוכט
פון שטרעבן און באַגער,
ס'איז זיס דער כישוף
פון אַ חלום,
כאָטש אין דרימל...

גערדרוקט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג", יאָהאַנעסבורג.

ת פ י ל ה

אַלמעכטיקער גאָט,
האַלט נאָר אָפּ אויף אַ רגע
דעם ווילדן געיעג
פון די יאָרן,
וואָס זינקען אין אָפּגרונט
פון דורשטיקן עבר
און גייען אויף אייביק —
פאַרלאָרן ;

כ׳וויל אָפּכאַפּן ס׳אָטעם,
אַ קלער טאָן,
אַ חשבון הנפש
זיך געבן :
אויב נישטיק איז מענטש
און ס׳איז קליין
זיין השגה, —

טאָ וואָס איז
דער זינען פון לעבן ?
און וואָס איז דאָס יאָגן און כאַפּן,
דער טומל, הו־האַ
און דער גאַנצער גערודער ?

איך בין דאָך נישט מער,
ווי אַן אָרעמער קרוב,
צו־גאַסט
אויף אַ גבירישער סעודה —
מיט ברויט
און מיט פלייש
און מיט ווייַן
פיל איך אָן דעם
פאַרפּיעשטשעטן גיריקן גוף:
פאַרזונקען אין זעט
איך פאַרגעס,
אַז ס׳קאָן פּלוצים
אַ קלונג טאָן
דייַן האַסטיקער רוף...

רבונו של עולם!
דער ווייטיק אין האַרצן
און פּיין אין מייַן ברוסט
זייַנען עדות:
איך קאָן נישט באַנעמען
פון בראשית און קיום
די טיפע,
פאַרוויקלטע סודות...

איך הער, אז
מיין אַפּשטאַם איז ערד
און, אז בלייבן פון מיר וועט
אַ הייפעלע ווערטלאָזע שטויב —
דאָך טיף אין מיין ביין
איז פאַרוואָרצלט
און [redacted] ס'שפּראָצט
און עס בליט די אמונה —
איך גלויב!

ווען ס'קרעכצט מיין נשמה פון ספקות
אין נאַכטיקע שעהן די שטילע,
צעגיסט זיך מיין גייסט אין אַ פלאַם
און ער רייסט זיך, באַפליגלט,
צו דיר מיט אַ תפילה:

אָ, גאָט!
גיב מיר כוח און מוט
צו באַזיגן
די חניפות פון שטן,
און העלף מיר צו טרעטן
די וועגן פון יושר,
ווי דו האָסט געבאָטן!

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

ירושלים

דער טאָג האָט
צוגעמאַכט די אויגן,
און שטיל איז
צוגעפאַלן נאַכט ;
עס רוט
די שטאָט ירושלים,
פאַרוויקלט
אין לבנה־פּראַכט.

ווער קען זיך ווערן
קעגן כּישוף
פון פינקלדיקן
שטערן־גלאַנץ ?
עס רוט די שטאָט,
עס שלאָפט דער יישוב,
ווי אין אַ שלייער
פון אַ טראַנס...

די בערג אַרום —
געלאַסן, שטאַלטנע;
דיביימער
שעפּטשען אינדערשטיל
אַ קריאת שמע —
די תּפילה אַלטע
אין צוטרוי
גלויביקער פאַרהילט.

געבענטשטע שטאָט
ירושלים!
דיין אייביקייט
איז ניט קיין סוד:
דעם פיינד פאַריאָגט
האָט ניט כלי זיין,
נאָר דראַנג פון פאָלק
מיט גאָט׳ס גענאָד...

עס פרילינגט

ווי לוסטיק און ליכטיק,
ווי פריילעך איז היינט
אין מיין ווינקל !
עס גאָלדיקט דער יונגער פרימאָרגן —
ער שיינט און ער פינקלט ;
עס שפּילן,
ווי זאָרגלאָזע קינדער,
די זוניקע שטראַלן,
די לופט איז פאַרפלייצט
מיט אַ זינגען, אַ סוויטשן, אַ שאַלן.

ס'איז פרילינג !
אין רוישיקע זשומיקע
קלאַנגען פאַרטוליעט,
עס שפּיגלט דער הימל
זיין לויטערן הילכיקן בלוי
אין ברויזיקע קוואַלן...
די זון איז צעפאַרעט —
זי הוליעט,
זי שפּריצט מיט בריליאַנטן
אין טראָפּנס פאַרגליווערטע טוי.

אַט באַלד וועלן גרינען די לאַנקעס,
די גערטענער — בלימלען,
און פלינק
וועט דער אַקער צעשניידן
אַ בייט נאָך אַ בייט ;
די ערד
וועט אַ זיפץ טאָן מיט פרייד
אונטער פרייערע הימלען
און בענטשן דעם אָנזאָג
פון אַרבעט און צייטיקן ברויט.

ס'איז פרילינג !
דו פילסט אין דעם אָטעם
פון ווינטל דעם ווייכן
אַ נייעם, אַ פרישן,
אַ מוטיקן, צאַרטן געזאַנג...
— — — — — — —
ווער ווייסט ?
אַמאָל וועט נאָך ליבע
מיר שענקען אַ שמייכל,
דערוועקן אין ברוסט
אַ פאַרדרעמלטן זיסן פאַרלאַנג.

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע",
יאָהאַנעסבורג.

אָדע צו אַ חלוץ

היט דעם פייער
אין דיין האַרצן,
פּיאָנער, —
ס'איז דער וועג,
ווו פעלדזן שטאַרצן,
לאַנג און שווער;

ס'איז דיין וועג
דורך זאַמד און בלאָטע
פול מיט קלעם, —
נאָר עס קילט ניט
פון חרטה
יונגער ברען.

אויב באַשערט איז דיר
צו פאַלן,
איז כדאי:
ס'וועט דיין זכות
דעם קאַמף באַשטראַלן
פון דאָס ניי!

וועסט מיט בינטלעך
יונגע גראָזן
דעקן זאַמד;

נייע ווינטן
וועלן בלאָזן
אינעם לאַנד...

...ס׳וואַכט די ביקס
אויף דיינע פּלייצעס,
נאָר די האַנט
וועט אַן אַקעראייזן
שטויסן,
וועקן ס׳לאַנד,

זייען ברויט
און פלאַנצן בלומען,
בויען שטעט, —
וועט מיט הויפנס
נחת קומען
צו דער זעט!

ס׳איז דיין וועג,
אַ חלוץ טרייער,
לאַנג און שווער, —
אין דיין האַרצן
היט דעם פייער,
פּיאָנער!

די שיינהייט און דער בעטלער

(אַ שפּאַנישע פֿאָלקס־מעשה)

דריי שיינהייטן־פֿרויען
געגאַנגען שפּאַצירן
אין שטאָטישן פּאַרק פֿון מאַדרידאַ,
די דאָנאַ סטעפֿאַנאַ,
די דאָנאַ עלווירא
און שיינהייט — די יונגע טאַווערידאַ.

עס איז זיי אין גאָרטן
אַנטקעגן געקומען
אַ בעטלער, פֿאַרשמאַכט און געבויגן;
פֿון דאָרשט איז פֿאַרטריקנט
געוועזן זיין גומען —
געבעטלט האָט ער מיט די אויגן.

פֿאַרקלעמט האָט דאָס האַרץ
ביי דער שיינער עלווירא
(דאָס האַרץ פֿון אַן איידעלער דאָנאַ),
דעם בעטלער האָט זי
מיט איר האַנט דער באַצירטער
געגעבן אַ שיינע מתנה.

געווען איז גוט־האַרציק
אויך דאָנאַ סטעפאַנאַ,
גרייט שטענדיק צו העלפן אַ צווייטן,
און זי האָט דעם מאַן,
וואָס דערביי איז געשטאַנען
געשאָנקען נדבה אַ ברייטע.

ארויס פון איר שטוב
איז די יונגע טאָווארידאַ
מיט ליידיקע הענט, אָן אַ פּרוטה:
איז זי אויף אַ רגע
צעטומלט פאַרבליבן:
„וואָס טוט מען, אָ, הייליקע מוטער?“

נאָר פלוצים צעשטראַלט
איז זי צו צו דעם בעטלער,
אַן אָרעם געלייגט אויף זיין נאַקן,
און זי האָט מיט ליבשאַפט
און מיטלייד געצערטלט,
געקושט זיינע מאָגערע באַקן.

דערשטוינט פון דער מיידלשער
פריינדשאַפט ספּאָנטאַנער,
באַרוישט פון אַרומנעם איר ווייכן, —
צום בלומען־פּאַרקויף,
וואָס דערביי איז געשטאַנען,
געשפּרייזט האָט ער שנעל מיט אַ שמייכל,

פאַר בלומען אַ בינטל
זיין ג אַ נ צ ן פאַרמעגן
פאַרשפּענט מיט געהייבענע חושים,
און האָט עס אַ שטאָלצער
דער שיינהייט געגעבן,
וואָס האָט אים באַשאָנקען מיט קושן...
— — — — — — — — —
דריי שיינהייטן־פרויען
שפּאַצירן געגאַנגען
אין שטאָטישן פּאַרק פון מאַדרידאַ,
די דאָנאַ עלווירא,
די דאָנאַ סטעפאַנאַ,
קראַסאַוויצע — יונגע טאַווירידאַ...

װ י ד מ ו נ ג ע ן

אין ווייטן בליץ...

אַ מתנה דער דיכטערין ש ר ה א ײ ז ן, צום דערשיינען פון
איר בוך „געקליבענע לידער און פּאָעמעס״, 1965.

אין ווייטן בליץ האָסטו געזען
די גורל׳דיקע פלאַמען,
אין דונער־עכאָ האָסט געהערט
האַרמאַטן־קנאַל,
דעם שווערן שטיוול־טראַט
אין מאַרש צום בלוטיקן באַפאַל,
דעם וויי־געשריי און קרעכץ
פון אונדזער גסיסה־דראַמע...

פון „ברוינע צעפּ״
געפלאָכטן האָסט
אַ חלום וועגן פרעמדן,
דיין מיידל־האַרץ
צעזונגען האָט זיך
מיט אַ ליבע־קלאַנג :
„אָ, קום, באַשערטער, קום !
ביסט בלאָנד און יונג און שלאַנק,
און ס׳גאַרט מיין פרילינג
פון דיין טרוים
זיך לאָזן בלענדן...
געשווינד, ווי לאַנג עס צאַנקט נאָך
פיאַלעטער אונטערגאַנג !״

געבענטשט זאָל זיין די האַנט,
וואָס האָט אויף צאַרטע סטרונעס
געשפּילט אַקאָרדן
מיט פאַרטרויערטער אמונה,
און — גייסטיק־יונג —
געשעפּט
פון דיכטערישן קוואַל:

זאָל בליען שטראַלנדיק
דיין שאַפעריש געשטאַלט,
און
צו להכעיס די,
וואָס האָבן אונדז געלעסטערט,
גיי שטאָלץ פאַרויס
אויף גרעסערע פאַרמעסטן!

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג.

דעם דיכטער דוד אָפּאַלאָוו

(צו זיין ווערן אַ בן־שבעים*)

מיין טייערער חבר,
בן־עיר און קאָלעגע,
פון יידיש־קולטור
אומדערמידלעכער טרעגער,
האָסט טריי און
מיט ליבשאַפט
דיין מוזעס מזבח
געדינט און באַשיינט
מיט פּאָעטישן כוח.

אויך פרעמדע קולטור
האָט
באַווירקט דיין נשמה —
פון גייסטיקע שטייגערס
צוויי מעכטיקע שטראָמען:
דער רוס מיט די וואָרצלען
אין דאָרפישער כאַטע, —
דער יענקי, זיין דאָלאַר
און ליד פון הייוואַטע...

---

*) דוד אָפּאַלאָוו איז פּאָעטיש פרוכטבאַר אין דריי שפּראַכן — יידיש, רוסיש און ענגליש.

געשטרעבט האָבן פרעמדע
דיין שאַפונגס־קראַפט פאַנגען,
האָסטו זיי געענטפערט
מיט צאַרטע געזאַנגען,
מיט ברויזיקע פערזן —
דורך יידישע טרערן
געפינקלט האָט לשון
פון בונין*) און בערנס**).

צו דיינע בן־שבעים,
אָ, ליבער קאָלעגע,
איך קום דיר
מיט האַרציקע ברכות
אַנטקעגן —
עס זינגט דיר
אַ ווונטש
מיין באַשיידענע לירע:
עד מאה ועשרים —
געזונט און יצירה!

---

*) בונין — גוט־באַקאַנטער רוסישער דיכטער.
**) בערנס — באַרימטער ענגלישער דיכטער.

סאָנעט

געווידמעט זאב זשאַבאָטינסקי בשייכות מיט זיין לעקציע־טור אין ריגע, אין 1928.
געשריבן אין רוסיש, איבערזעצט פון מחבר.

דיין גייסט געפלעגט האָבן
די אומות פון אָדעסאַ,
אַ פרעמדע זון
געצערטלט האָט
דיין יונגן גוף, —
נאָר ניט פאַרשטומט
האָט פרעמדער גלאַנץ
דעם ברודער־רוף:
אז ביסט אַ ייד
האָסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

פון צוואַנציק־הונדערט־יאָריק
גורל'דיקן קלעם,
פון כוואַליעס יידן־האַס
און גרויליקע פאָגראָמען —

אַ העלד ביסטו אַרויס
דורך ברויזנדיקע שטראָמען,
און —
מוזע האָט צעקושט
דעם ים־שוים
אויף דיין ברעם.

געהייליקט ווערן זאָל
דיין מוטיקע נשמה,
געשטאַרקט, געבענטשט —
דיין העלדישע געשטאַלט!

נבואה זאָגסטו:
טראָץ רדיפות און געוואַלט,
אין שוואַרצער נאַכט
אַ בליץ טאָן וועט נחמה!

אין האַנט זיין גורל נעמען
וועט אַ נייער דור:
דורך פּיין וועט אויפלויכטן
אַ לויטערער קאַיאָר!

די ליד, אין יידיש, געדרוקט אין דער ענגלישער חאָכנבלאַט „דזשואיש העראָלד", יאָהאַנעסבורג.

א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן

פון

ח. נ. ביאַליק

יובילאַר

(מיט דער ליד האָט ח. נ. ביאַליק געענטפערט אויף די גרויסע פייערונגען בשייכות מיט זיין ווערן אַ בן־חמשים).

איך דאַנק אייך, ליבע,
פאַר די לויב־געזאַנגען;
זיי האָבןליידער ניט
מיין האַרץ געפאַנגען —
פאַרקערט:
עס ווערט מיר אויפן האַרצן
שווער און ביטער;
איר זינגט און טאַנצט,
נאָר איך, איך בלייב דערשיטערט;
צום יובל מיינעם אייער גרוס
האָט מיר צעקלעמט,
דער טומל, וואָס איר מאַכט,
האָט מיר פאַרשעמט.

וואָס רייסט איר זיך מיט גוואַלד
צו מיר אין דירה?
כ'האָב ניט פאַרדינט פון אייך
קיין לויב און ניט קיין לוין,
כ'בין ניט קיין לערער,
ניט קיין נביא, ניט קיין פירער, —
איך בין אַ פראָסטער
האָלץ־האַקער און — שוין!

פון מליצה און פון פשטלעך קינציקע
ניט האַלט איך —
קוקט אָן, איך האַלט אַ האַק
אין מיינע הענט;
איך בין פון קלעצער שפּאַלטן
שוין פאַרמאַטערט,
די שאַרף פון האַק —
זי ווערט שוין אויך
פון שפּאַלטן טעמפּ.

כ׳בין בלויז אַן אַרבעטער,
וואָס שוואַרצט
פאַר זיינע גראָשנס,
און כ׳האָב צו אייך
פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ
צוויי־דריי טעג;

ניט איך האָב צייט פאַר אייך
צו האַלטן שיינע דרשות,
ניט איר —
צו פליעסקען
און פאַרלויפן מיר דעם וועג!

װי װײַטער לעבן,
פֿרעגט איר מיר,
װי זיך צו פֿירן ?

ס׳איז פֿינצטער־חושך
ארום אונדז —
עס דראָען שרעק !
אין אחדות װעט איר מוט
און נײַע קראַפֿט דערשפּירן, —

איז —
צו דער אַרבעט,
צו די קלעצער,
צו די העק !

פון

דזשיאַקאָמאָ סולאַרי

איטאַליענישער דיכטער, 19־טער יאָרהונדערט.

אַ פּאַסיקל ערד...

אַ פּאַסיקל ערד — אין אַ טאָל,
אויף אַ פּליין, צי אַ בערגל ;
ניט פיל האָב איך נויטיק —
אַ פּאַסיקל, לאָנקע, פּאָליאַנע ;
און זאָל נאָר זיין וואַסער, —
אַ סאַזשלקע, טייכל, אַ ריטשקע ;
און — ריחות פון גראָזן,
פון קרייטעכצן, מינץ, טימיאַנע.

און אפשר אַ וועלדל, —
אַ סאָסנע, אַ דעמב צי בערעזע ;
און זינג־פייגל — שוואַלב,
צי אַן אַמסטל, צי ראָב זאָלן טרילן ;
אַ הייזקע, אַ קליינס, —
כאָטש אַ ביידל, אַ כאַטע, כאַלופּע, —
און — חבר׳טע־פרוי,
וואָס זאָל שמייכלען
אין אָוונטן שטילע..

א פֿאַסיקל ערד!
פֿאַרן שטח
דעם ראַנד צו געפֿינען,
וועט קינד מיינס
זיך שטעלן
אַנטקעגן דער זון
אין באַגינען:
די לענג פֿון זיין שאָטן
איז ענטפֿער
אויף מיינע פֿאַרלאַנגען, —

אָ, קינד מיינס,
אַוווּ פֿון דיין קעפּל
וועט פֿאַלן דער שאָטן,
וועט זיין פֿון מיין חלק
דער גרענעץ —
אזוי איז געבאָטן!
— — — — — — —
ס'איבעריק, שעדלעך און זינדיק,
וואָס קענסט מיט דער האַנט
ניט דערלאַנגען.

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע“,
יאָהאַנעסבורג

פון

לאָרענצאָ סטעקקעטטי

איטאַליענישער דיכטער, 19־טער יאָרהונדערט.

און זי פלעגט מיר זאָגן...

און זי האָט געזאָגט :
„אין דיין האַרץ האָט זיך אומעט באַהאַלטן,
אין שטוב דיינער ברענט ניט
פאַר הייליקע בילדער קיין לעמפּל,
דו שמייכלסט ניט פריילעך,
דיין פּנים —
פאַרשאָטנט און קאַלט איז,
און כ׳האָב ניט געזען
דו זאָלסט קניען אין הייליקן טעמפּל !"

און איך האָב געענטפערט :
„דיין קרוין פון די גאָלדענע לאָקן
האָט קיינמאָל פון ביטערע ספקות
ביי דיר ניט געציטערט, —
נאָר איך האָב דערקענט זיי :
כאָטש כ׳האָב זיך פון זיי
ניט דערשראָקן, —
דאָך לאַך איך מיט טרערן,
ווייל פיין
האָט מיין האַרצן צעשפּליטערט!"

געשטוינט האָט דאָס מיידל:
„דו גלויבסט ניט,
אז ס׳לעבט אַ דערלייזער?
אז גוטע מלאכים
באַהיטן פון שטרויכלונגען בייזע?
אז ליבע און גלויבן אין גאולה
וועט שטילן דיין ווייטיק?"

און איך האָב געענטפערט:
„באַשערטע, אָ,
דו בזיט מיין מלאך־באַשיצער,
מיין טעמפל, מזבח,
מיין ליבע און האָפענונג —
איצטער!

אָ, טייערע,
רעד וועגן ל י ב ע,
נאָר וועגן גאָט
איז ניט נייטיק..."

עלעגיע

עס ציטערט אין דער לופט
אַ פויגלשער געטריל,
דעם הימל גלעטן נאָך
דער שקיעה׳ס לעצטע שטראַלן;

צו מיר אין קאַמער
דורכן פענצטער
דופטיק פראַלן
די אייביק־פרישע
פרילינג ריחות פון אַפּריל...

פאַרוואָס זשע קלעמט מיין האַרץ,
וואָס מאַכט דעם אָטעם שווערער? —
די אַלטע וווּנד איז פריש,
עס היילט איר ניט די צייט...

איך בויג דעם קאָפּ,
אין האַלדז מיר שטיקן טרערן,
ווייל דו,
מיין טייערע,
פון מיר — ביזט ווייט...

פון

יהשוע ריווין

(קיעוו—צפון אמעריקע)

שאַפט אין יידיש און רוסיש.

אַ ווונטש

איך וויל, אז מיין גייסט
זאָל אַוועק פון דער וועלט
אין שויס פון די כוואַליעס
מיט שניי־ווייסע שוימען;

צופוסנס פון זוניקן
הימל־געצעלט
באַגראָבן וועל איך
מיינע קינדערשע טרוימען...

אויב יוגנט פאַרביי איז
אין בענקשאַפט און פיין,
און שטענדיק פאַרפינצטערט
געווען די נשמה, —

טאָ וויל איך מיין סוף
זאָל אַ כוואַליע־קוש זיין,
די אייז־קאַלטע כוואַליע —
אַ טרייסט און נחמה...

געווידמעט דעם דיכטער ק. באַלמאָנט

פֿאַר דעם, וואָס קומט
אַ שטראַלנדיקער, ווי די זון,
און שאַפֿט אַ חלום
אינעם בלענד פֿון אַ באַגינען,
ווער ליבן ווערט ניט מיד,
איז גייסטיק אייביק יונג, —
פֿאַר דעם האָב איך
באַוווּנדערונג
און לויב
אין זינען.

ווער ס׳שטראָמט
פֿון באַרגנשפּיץ,
ווי ברויזנדיקער קוואַל,
און שפּאַלט די פֿעלדזן,
וואָס אין טיף
פֿון ימען שטאַרצן,
ווער ס׳פֿאָרשט די סודות
פֿון אין־סוף׳יקן חלל, —
פֿאַר דעם האָב איך
באַגייסטערונג
און לויב אין האַרצן!

ווי איר, בלויע שטערן...

ווי איר, בלויע שטערן
אין הימלישע רוימען,
איך וואַנדער אַרום
אויף דער ערד און איך וואָגל ;
די יאָרן פאַרשווינדן,
ווי רויך דורך אַ קוימען,
דאָס לעבן איז גדלות
און הבל הבלים...

איך זע, ווי די פינצטערע
שאָטנס פאַרשפרייטן
די פליגלען אריבער
יישובים, געגבולן ;
אַ קעלט נעמט ארום
די צעאַקערטע בייטן,
און ס'יאָמערן ווערבעס
מיט בייגיקע טולן...

אָ, ווייל איז אייך, שטערן!
איר שיינט און איר מונטערט
פון הערצער צעבראָכענע
שווערע געמיטן, —
מיט פונקען פון ליכט,
וואָס איר נידערט ארונטער,
דערנערט איר נשמות,
ווי זונשיין — די צוויטן.

ווי איר, בלויע שטערן,
איך זיפץ און באַדויער
ווי שוואַך איז מיין וואָרט
און ווי הילפלאָז מיין צאָרן...
מיין ליד האָט די וועלט
ניט געטרייסט אין איר טרויער,
ניט טעמפּ געמאַכט שפּיצן
פון שטעכיקן דאָרן...

געדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע“,
יאָהאַנעסבורג

אומבאַקאַנטער רוסישער שרייבער

אַנטוישונג

מיט שפּיזן, ווי בליצן,
האָט פלאַמיקע ליבע
פאַרבלענדט מיינע אויגן,
צעפלאַקערט די ברוסט, —
אויף אייביק די רו
פון מיין האַרצן פאַרטריבן,
פאַרפלייצט די נשמה
מיט בענקשאַפט און גלוסט...

די שעה האָט געשלאָגן —
פאַרכישופט פון ליבע
עס האָבן די הערצער
געזונגען אין קלאַנג ;
און שטיל, אָנע ווערטער,
האָט הייליקער פרידן
געפלאָכטן אַ תפילה
פון ברכה און דאַנק...

נאָר דאָס, וואָס בײַנאַכט
האָט צום הימל דערהויבן
באַפליגלטער דראַנג
און צעריי־צטער באַגער,
האָט פרישער קאַיאָר
דורך פאַרנעפלטע שויבן
מיט שפּאָט און מיט ביטול
פאַריאָגט און צעשטערט...
— — — — — — —
אין שיין פון פרימאָרגיקער
זון איז צערונען,
צעשוומען אַ הערלעכע
צויבער־געשטאַלט...

צעשמעטערט די פידל. —
עס קלאָגן די סטרונעס,
עס דריקט דער געמיט
און אין האַרצן איז קאַלט...

פון

דוד אָפּאַלאָוו

(ריגע—ניו־יאָרק)

שאַפט אין יידיש, רוסיש און ענגליש.

ג ע ח ל ו מ ט...

(געשריבן אין רוסיש))

געחלומט האָט זיך מיר,
אַז איך בין ווידער יונג,
אַז, ווי אַן ייִנגל,
טו איך שטיפעריש אַ שפּרונג,
איך הער אויפסניי דעם קלאַנג
פון זיסע קינדער־לידער...
איך האָב געחלומט, אַז
אַ יונגער בין איך ווידער.

ווי לייכט און פריילעך איז
געווען מיר אויפן האַרצן —
געוואַרעמט פון דער זון,
געקילט פון מילדן ווינט —
ווי קיינמאָל ניט געוועזן
וואָלטן שאָטנס שוואַרצע,
ווי קיינמאָל ניט געהאַט
געוווסט האָב איך פון זינד...

און יעדע שעה האָט שימעריירט
מיט פונקן־גלאַנצן,
עס האָט געהייבן מיך צום
זינגען און צום טאַנצן,
געשמייכלט האָט צו מיר
דער הימל מיט אַ ווונק, —

געחלומט האָט זיך מיר,
אַז איך בין ווידער יונג,
אַז צו מיין טרוים מיך פירט
אַ שפּור באַשראַלטער...

נאָר ווי !
עס וועקט מיך שוין די וואָר
מיט אירע פינגער קאַלטע !
— — — — — — — —
און וואָס באַפליגלט האָט
מיין שאַפערישן ברען,
אַוועק, פאַרשוווּנדן איז,
ווי קיינמאָל ניט געווען...

פון

א. ס. פושקין

EXEGI MONUMENTUM*)

די איבערזעצונג איז געווידמעט אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצינען —
דעם קעמפער פאַר מענטשלעכע רעכט.

איך האָב אַ דענקמאָל
זיך געשטעלט,
וואָס ניט מיט הענט
קען מען עס בויען —
פון פּיראַמידן איז ער העכער
און איז האַרטער פון גראַניט,
און שטראָמען וועט
צו אים דאָס פאָלק,
באַאַמטער, אַדלמאַן און פּויער,
און ניט פאַרוואַקסן וועט
דער שפּור צו אים
פאַר די מיליאָנען טריט.

ניין, ניט אינגאַנצן
שטאַרב איך אָפּ:
די שאַפונגס־קראַפט
פון מיין נשמה
דעם אַש און פאַרעך
פון מיין ערדיש גוף
איבערלעבן וועט —

---

*) לאַטייניש, באַטייט: „איך האָב אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל״.

אין גאַנצער לענג און ברייט
פון רוסיש לאַנד
אַ קלינג טאָן וועט מיין נאָמען,
כ׳וועל זיין באַרימט
ווי לאַנג ס׳וועט לעבן
כאָטש איין־איינציקער פּאָעט.

מיין ליד
וועט וועקן מוט, און
ייאוש וועט אַנטרינען,
און קוקן וועט צו מיר
מיט האָפענונג
איעדער מענטשלעך בליק:
דער שטאָלצער אייניקל
פון סלאַוו, טונגוס*),
די פּרימיטיווע פינען,
און נע־ונע׳דיק, זון פון סטעפּ,
דער האַלב־פאַרווילדעטער
קאַלמיק**).

---

*) טונגוס — אַ שבט פון כינעזישן אָפּשטאַם, אין מזרח־סיביר.

**) קאַלמיק — אַ פאָלק פון מאָנגאָלישן אָפּשטאַם.

און לאַנג וועט
פֿאָלק מיינער
געדענקען מיר
מיט ליבע
און מיט טרייהייט,
ווייל פֿאַר
גערעכטיקייט
געקעמפּט האָב איך
מיט וואָרט,
מיט כּוח און מיט מוט:

אין מיינע טעג
פֿון גרויל
דעספּאָטישן,
געלויבט האָב איך
ד י פ ר י י ה י י ט,
און רחמים
האָב געמאָנט
פֿאַר די
פֿאַרפּייניקטע
פֿון אכזר׳ס קנוט!

אָ, מוזע!
דיין באַרוף,
מיט גאָט׳ס גענאָד,
איז
קדושה און עקדה:
ניט שרעק זיך
פאַר קיין
לעסטערונג,
דערוואַרט ניט
פאַר דיין ליד
קיין שכר;

אי דעם,
ווער ס׳ליובט,
אי דעם,
ווער ס׳טאַדלט דיר —
מיט גלייכגילט
נעם אויף ביידן,
און
פיר ניט קיין וויכוחים
מיט אַ נאַר!

גערדרוקט אין זשורנאַל „דרום אפריקע״,
יאָהאַנעסבורג

פ ו ן

יעווגעני יעווטושענקאָ

סאָוועטיש־רוסישער דיכטער.

סטאַלינ׳ס יורשים *)

געשטומט האָט דער מויער,
פאַרשטומט האָבן פענצטער געבליאַסקעט,
און שטום איז געשטאַנען די וואַך
אין פאַרגליווערטן שניי;

ס׳האָט קוים זיך גערויכערט
אַ פּאַרע פון טרונע —
ס׳האָט אָטעם דורך שפּאַלטן גערונען,
בשעת מען האָט אים געטראָגן
אין גאַס אַרויס פון מאַוזאָליי.

די טרונע איז לאַנגזאַם געשוואומען
אריבער די קעפּ און די ביקסן...

געווען אויך דער נפטר אַ שטומער,
נאָר גרויזאַם געווען איז זיין שווייגן —
מיט צאָרן און דראָענדיק
האָט ער געביילט זיינע
רוצחישע הענט באַלזאַמירטע;
אָ, דער, וועלכער האָט זיך
פאַרשטעלט פאַר אַ טויטן,
האָט אויגן געצילט אין
די שפּאַלטן פון קאַסטן:

---

*) דעם רוסישן אָריגינאַל האָט יעווטושענקאָ געדרוקט אין מאָסקווער „פּראַוו־דאַ״, אין 1959.

פֿאַרקריצן וויל ער אין זכרון
די יונגע רעקרוטן,
וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון
צום קבר דעם גרייטן —
ער וועט זיך שוין געבן אַן עצה,
ער וועט פֿון דער ערדישער תּפֿיסה
שוין ווי ניט ארויס
און זיי אַלע — צעשיסן!

און כ׳האָב צו די הערשער
אין קרעמל
אַ דרינגענדע שטאַרקע בקשה:
פֿאַרטאָפּלט,
פֿאַרדרייפֿאַכט
די וואַך ביי זיין קבר!
דערלויבט ניט,
אז סטאַלין זאָל אויפשטיין
און אָנהייבן ווידער צו שעכטן!
ניט קומען צוריק
צו דער מאַכט
זאָל דער גרויזאַמער רשע
און ווידער —
דער בלוטיקער נעכטן...

ווען „נעכטן“ דערמאָן איך,
ניט האָב איך אין זינען
די הערלעכע טעג פון
„דאָנבאַס“*) און „מאַגניטקאַ“**),
און אויך ניט
די העלדישע טעג,
ווען געפלאַטערט
סאָוועטישע פאָנען
פון דעכער בערלינער!

איך רעד וועגן יענער
פאַרשאָלטענער שוואַרצער עפּאָכע,
ווען חבר צו חבר קיין
צוטרוי געהאַט ניט,
ווען קנאה,
פאַרדאַכט און מסירה,
אַרעסט און פאַרשווינדונג
פאַר׳סמ׳ט האָט דאָס לעבן
פון יעדער משפחה...

---

*) „דאָנבאַס“ — אַ פאַרקירצטער טערמין פון דעם גרויסן קוילן־רעזערוו ארום דעם טייך דאָן.

**) „מאַגניטקאַ“ — מאַגניטאָגאָרסק, עלעקטראָניש־מעטאַלורגישע אינדוסטריע אין די אוראַלער בערג.

ווי ערלעך מיר האָבן
געאַקערט,
געגאָסן מעטאַל
און ווי מוטיק מאַרשירט
אין די זעלנערשע רייען!

נאָר ער
ניט געטרויט אונדז,
האָט מורא געהאַט
פאַר די מאַסן...

ס׳קאָן זיין, אז ער האָט
אידעאַלן געכאָוועט,
נאָר, ווי ס׳שיינט,
ניט באַגריפן,
אז מיטלען
דעם ציל צו דערגרייכן
באַדאַרפן זיין
ערלעך און ווערדיק.

אַפּנים געקוקט האָט ער ווייט
און מיט יורשים האָט ער זיך
באַצייטנס פאַרזאָרגט שוין:

מיר דוכט, אז אַ טעלעפאָן
איז אין זיין טרונע באַהאַלטן
צו געבן די יורשים געהיימע —
באַפעלן ;
ניט קאַפּיטולירט,
נאָר בלויז אויף אַ ווײַלע
אַנטשוויגן געוואָרן
איז „פאָטערל״ סטאַלין,
פאַר אים איז דער קבר
אַ טעות,
ער וועט עס נאָך פאַרשן...

מיר האָבן פון דעם מאַוזאָליי
ארויסגעפירט סטאַלין, —
נאָר ווער זשע וועט קולט
פון דעם סטאַלין
צעפּליקן מיט גוואַלד
אין די הערצער
פון זיינע
פּילצאָליקע
יורשים ??

די יורשים איז שווער
צו דערקענען —
זיי גייען ארום צווישן עולם
מיט מאַסקעס, פאַרשטעלטע;
אז ווען אויף
אַ מיטינג דערמאָנט מען
זיין נאָמען —
זיי פייפן און שעלטן,
דאָך —
ס׳קאָכט זיי די בלוט,
וואָס די לאַגערן
ווערן אַלץ קלענער
און וואָס
דער באַזוך ווערט געדיכטער
אין זאַלן,
ווו שרייבער,
וואָרט־קינסטלער־פּאָעטן
אויפריכטיק־דרייסט
דעקלאַמירן
פּאַטריאָטישע
אמת׳ע פליכטן.

איך הער, ווי מען זאָגט מיר:
„באַרואיק זיך, חבר,
צו ליאַרעמען איז שוין גענוג;
ניטאָ שוין מער סטאַלין —
פאַרשאָלטן זיין נאָמען —
ער שלאָפט שוין
אין אייביקער רו״.

נאָר רוען איך קאָן ניט!
ווי לאַנג, ווו ניט ווו,
עס אָטעמט נאָך סטאַלינ׳ס אַ יורש,
איז דוכט מיר,
אז סטאַלין ליגט אַלץ נאָך
און לויערט אין דעם מאַווזאָליי!

— — — — — — — —

געשטומט האָט דער מויער,
פאַרשטומט האָבן פענצטער געבליאַסקעט,
און שטום איז געשטאַנען די וואַך
אין פאַרגליווערטן שניי...